STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04785

H. LEYVIKS GOYLEM

Solomon Simon

Permanent preservation of this book was made possible
by Marjorie & Robert Feder

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ה. לייוויקס גולם

פון

דר. ש. סיימאָן

מהר"ל און דער גולם   פון יעפים ה. שערמאַן

ארויסגעגעבן פון

פארלאג אידיש לעבן

334 איסט 15טע סטריט, נויאָרק.

Library
of
Howard Weinshel
חיים ווײנשל

Copyright by
Verlag Yiddish Leben
New York, 1927

ה. לייוויקס גולם

ווען איך האָב צום ערשטן מאָל איבערגעלייענט דעם „גולם“, האָב איך געוואָלט זאָגן: הכל תלוי במזל. נאָכדעם, ווי לייוויק האָט אָנגעשריבן אַזאַ ווערק, ווי דער „גולם“, איז ער געוואָרן פּאָפּולער דורך זיין גאַנץ מיטלמעסיקע, מיט אַ פּאָר שיינע שטריכן באַפּוצטע דראַמע, „שמאַטעס“. ס'איז אָבער ניט קיין מזל זאַך. ס'איז אַ גאַנץ נאַטירלעכע ערשיינונג. „שמאַטעס“ האָט מען געקאָנט פאַרשטיין און פאַרנעמען זיצנדיק אויף אַ ווייכן שטול אָנגעשפּאַרט געמיטלאַך, און אַפילו צודרעמלען, אין דער טונקלהייט פונם טעאַטער. דעם „גולם“ אָבער, מוז מען לייענען און דערנאָך זיך ערשט פאַרטיפן אין יעדן בלעטל, יעדער שורה. ניין, אין יעדן וואָרט. פאַרשטייט זיך, אַז אַזאַ סאָרט ווערק קאָן ניט ווערן פּאָפּולער ביים ברייטן עולם.

דריי מאָל פריער איבערלייענען דעם „גולם“ און דערנאָך עס לערנען. צום ערשטן מאָל ווערט מען פאַרכאַפּט פונם ספּור המעשה, און ווי געוויינלאַך (מען איז דאָך ניט מער ווי אַ מענטש) היפּט מען שטעלן, דערגיין דעם סוף. דעם צווייטן מאָל ווערט מען פאַרכאַפּט פון די טיפע דראַמאַטישע סצענעס. מען קאָן זיך ניט העלפן און מ'מוז איבערלייענען ווידער און ווידער די צווייטע סצענע — ווען דער מהר"ל ברענגט צום ערשטן מאָל דעם גולם צו זיך אין צימער; די פינפטע סצענע, דער צוזאַמענשטויס צווישן דעם מהר"ל און יונגען בעטלער-משיח; די לעצטע סצענע — דער גולם טרעט אַרויס אין אָפענעם קאַמף מיטן מהר"ל. די סצענעס זיינען אַזוי שטאַרק דראַמאַטיש, אַז מען וואונדערט זיך: מאָדנע, אַ מענש מיט אַזאַ דראַמאַטישן טאַלאַנט האָט פאַר יאָהרן לאַנג געשריבן גאָר לידער... צום דריטן מאָל לייענען הויבט מען אָן באַמערקן די קאַמפן וואָס די העלדן גייען דורך, און די שיינ-

קייט און סימבאָלישקייט פון יעדן זאַץ. צום פערטן מאָל, הויבט מען ערשט אָן זען דעם צוזאַמענבונד פון די באַזונדערע סצענעס, און ניט ווילנדיק רייסט זיך אַרויס אַן אויסרוף: ס'איז דאָך א קונסט-ווערק! — און איר הויבט אָן דאָן ציילן יעדן וואָרט און יעדן אות.

יעדער וועט געפינען אין „גולם" זיינע אייגענע רמזים און אויסטייטשונגען. כ'האָב שוין גערעדט מיט אַ יונגן מאַן, וואָס האָט מיר פּאַרטייטשט דעם „גולם" אַלס אַ רמז אויף דער רוסישער רעוואָלוציע: דער גולם, די רויע פיזישע מאַכט, דאָס זיינען די באָלשעוויקעס; דער יונגער בעטלער, דאָס זיינען די ס. ר., די וואָס האָבן געוואָלט ברענגען די ישועה מיט דעם כח פון דער גערעכטיקייט. דער גולם — די פיזישע מאַכט — האָט געזיגט, אָבער דערווייל האָט ער אַראָפּגעשלעפּט אלעם צו זיך, צו זיין מדרגה. ס'איז אפשר א שפּאַס, אָבער דאָס קאָנען אויסטייטשן אַליין איז אַ סימן פון אַ גרויס ווערק, וואָרים יעדעם גרויס ווערק איז ווי אַ שפּיגל, יעדער זעט אין אים זיין אייגענע פיזיאָנאָמיע און זיין אייגן אויסזען.

דער „גולם" איז טיף, שווער און סימבאָליש. געווים קאָן דאָס אַלעם פאַררעכנט ווערן אַלס אַ מעלה. אָבער דער „גולם" האָט אַ גרויסן חסרון — אומקלאָרקייט און נעבל-דיקייט לייוויק, מיט זיין גאַנצער גרויסקייט, האָט זיך פאַרט ניט געקאָנט אויפהייבן העכער פון זיינע צייט חברים.

שווערקייט איז ניט קיין חסרון. יעדע גרויסע ווערק איז שווער. זי איז שווער אין צוויי הינזיכטן: ערשטנס מוז מען האָבן אַ געוויסע פאַרבאַרייטונג צו אַ שווער ווערק. אזוי ווי מען קען ניט לייענען קיין טעכנישן בוך אָן וועלכער ס'איז טעכ-נישער צוגרייטונג, אזוי קאָן מען ניט לייענען קיין גרויסע שאַ-פונג אָן אַ ליטעראַרישער צוגרייטונג. צווייטנס איז געוויינלאָך אין אַ גרויסער ווערק דער עצם ענין א שווערער. א שווערער ענין פאָדערט אַ געוויסע אָנשטריינגונג. גאָר אַנאַנדער זאַך איז אומקלאָרקייט אין א בוך. דאָס נעבלדיקע אין אַ

בוך איז אומקלאָר פאַר אַלעמען, אפילו פאַרן מחבר זעלבסט. לאָמיר נעמען א ביישפיל פון „גולם“. מען מוז האָבן א געוויסע באַקאַנטשאַפט מיט דער אַלטער העברעאישער ליטעראַטור כדי זיך אָנצושטויסן אַז דער יונגער בעטלער איז משיח; דער אַלטער בעטלער איז אליהו הנביא. מען מוז אויך האָבן א געוויסע ליטעראַרישע און אַלגעמיינע בילדונג כדי צו פאַר־שטיין די שיינקייט פון דעם מהר״לם קאָנצעפּציע וועגן משיחן און זיין קומען, א. ז. וו. דער טיפּ תנחום אָבער, איז ניט קלאָר און כמעט ווי איבעריק. אמת, מען קען זיך אָנשטויסן, אַז לייוויק האָט געוואָלט פּערזאָניפיצירען דעם ריינעם קריסטנטום אין תנחומען. אָבער די פּערזאָניפיצירונג איז ניט קלאָר און מען קען תנחומען אויסטייטשן אַנדערש. דאָס זעלבע מיט פיל שטעלן אין „אַנטפּלעקונגען“ און אין דער סצענע „אין דער הייל“, און נאָך און נאָך.

דער גרויסער חסרון שטערט אָבער גאָר ניט דעם בוך אלס א גאַנצן, ווייל דאָס בוך איז ווי א געראָטן קינד — קיין זאַך שאַדט אים ניט. פאַר יעדער נעבלדיקער שטעלע קען מען גע־פינען צען שטעלן וואס זיינען ווי פון מאַרמאָר אויסגעהאַקט. נעמט, אזא בילדל:

„און ער אַהינטער אונז — א ריזיקער, א שווערער
מיט לײדיקן, די הענט אַראָפּגעהאָנגענע אַרונטער,
די פּיס ווי האַמערס צוויי.

„ווען מיר האָבן פּלוצלונג זיך אַרומגעקוקט
און אים דערזען אַן אָפּגעשטאַנענעם פון אונז —
ער שטייט אין מיטן גאַס און רירט זיך ניט פון אָרט.

„און קיינעם איז ניט איינגעפאַלן צו רופן אים,
מיר דוכט זיך ער שטייט נאָך איצט אזוי אַן אָפּגעשטאַנענער
אין מיטן גאַס, די הענט אַראָפּגעהאַנגענע אַרונטער,
און הערט און זעט ווי עפּעס שפּילט זיך אָפּ אין פּראָג“.

אָדער אזא שיינעם איינפאַל:

„בלינדער פאַרוויקלט דעם קניפּל, באַהאַלט צוריק אין בוזים:
„אַ סך? פון וואַנען ווייס איך צי אַ סך?
דו פרעג די בלינדע אויגן מיינע,
דאָס מאַכן זיי די נדבות, ניט איך”.

דאָס זיינען אַ פּאָר שטעלן אַרויסגעכאַפּט אויפעפענדיק דאָס בוך און אַרויסלייענענדיק פון דעם צופאַל־אויפגעמישטן בלעטל.

אָבער די גרויסקייט פון בוך ליגט ניט אזוי אין גרויסקייט און אין שיינקייט פון די באַזונדערע סצענעס. אויב מען זאָל אָננעמען דעם בוך פאַר ניט מער ווי אַ זאַמלונג פון באַזונדערע פּאָעמען, דאַן איז ניטאָ אַזוי שטאַרק וואָס ענטוזיאַסטיש צו ווערן. אין אונזער ליטעראַטור קענען מיר אַ סך אַזעלכע איינצלנע פּאָעמען געפינען. די וויכטיקייט פון בוך באַשטייט פון דעם פאַרנעם אין אַט דער גאַנצער דראַמאַטישער פּאָעמע, אין דעם אַריינוועבן פון דער מאָדערנער דיכטונג אין דער אַל־טער אידישער לעגענדע אויף אזא מאַסשטאַב. וואָרים דאָס בוך איז אַן איינהייטלאכע ארבעט, כאָטש מען זעט עס ניט באַלד פון אָנפאַנג.

איבערגעבן דעם אינהאַלט פון בוך איז שווער. ווי איך האָב פריער באַמערקט, ווענדט זיך דער אינהאַלט פון בוך אַן יענעם וואָס וועט אים לייענען. איך וועל אָבער פּרובירן איבערגעבן דעם אינהאַלט ווי ווייט מעגלאך אַן אויסטייטשונ־גען, געוויסע אומקלאָרע סצענעס אינגאַנצן דורכלאָזן, און ניט מער ווי אָנווייזן די גאַנצקייט פון בוך. דער וואָס וויל האָבן זיין אייגענע קאָנצעפּציע פון בוך זאָל ער עס איבערלייענען אליין עטלאכע מאָל.

איידער איך וועל איבערגעבן דעם אינהאַלט פון בוך וויל איך מאַכן אַ קליינע באַמערקונג וועגן לייוויקס קעפלאך צו זיינע דראַמען און לידער. לייוויק האָט אַ זעלטענעם חוש פאַר נעמען. זיינע דראַמען זיינען אַלע איינוואָרטיקע: „שמאַ־

טעם", „אנדערש", „דער גולם". דאס זעלבע מיט דאס רוב סצענעס אין בוך: „ליים", „וועגט", „בעטלער", „אנטפלעקונגען".

לייוויק הויבט אן זיין ערשטע סצענע מיט דעם פאר־שאפן פון גולם. אויב מען וויל וויסן און פארשטיין די נשמה פון א מענטשן, מוז מען האבן אן אנונג פון זיינע עלטערן. דער מהר"ל איז דער גייסטיקער און פיזישער פאטער פון גולם. פריער האט ער אים פארטראכט, דערנאך פשוט געשאפן — אויסגעקנאטן פון ליים. כדי מיר זאלן פארשטיין פון וואנען האבן זיך שפעטער גענומען צום גולם ספקות, ראנגלענישן, צער, טרויער, דארף מען וויסן דעם געמיט־צושטאנד פון מהר"ל בעת דער גולם איז געשאפן געווארן.

באגינען הינטער דער שטאט פראג. דער מהר"ל האט שוין אויסגעקנאטן דעם גולם און ווארט אויף זיינע תלמידים, זיי זאלן קומען און ברענגען מלבושים פאר דעם גוף, און ער וועט קענען ארייבלאזן א רוח חיים אין דעם טויטן קערפער. און אין דער מינוט פון ווארטעניש, אין דער מינוט ווען דער שעפער שטייט ביי דער פארקערפערונג פון זיין געדאנק דערוועקט זיך א צווייפל ביים יוצר, ביים שעפער.

„ווער בין איך דען צו זאגן: איך באהעפט?"

אין דעם צווייפל שוועבט פארביי א שאטן און ווארנט:

„איך זאג דיר נאך א מאל און ווארן דיך: באשאף מיך ניט".

דער מהר"ל הייסט דעם שאטן פארשווינדן און זאל זיך דער שאטן ניט שרעקן פאר דאס נייע און אומבאקאנטע, ווייל עס איז דא א זין אין דער שאפונג, ס'איז דא א כונה און א צוועק אין זיין קומען אויף דער וועלט. ער שאפט

„א שליח פון פאלק, א גרויסן גבור".

דער שאטן אבער האט אנאנדער אנונג וועגן זיין אייגענער

קומענדער געשטאַלט. ער זעט זי ניט אַלס שליח, נאָר אַלס משרת. און אז ער זעט אז וואָרנען העלפט ניט גייט ער איבער צום בעטן:

„איין רגע נאָר אין דיינע אָפּגרונטן פאַרדעק מיך".

דער מהר"ל האָט אָבער, ווי אַלע קינסטלער, אַ שליחות דורכצופירן און הערט זיך ניט צו, ניט צו דער וואָרנונג און ניט צום געבעט. אָבער כאָטש ער בלייבט איינגעעקשנט, ווייסט ער אָבער, אַז דאָס געשאַפענע קען ניט זיין פולקאָם, וויל:

„אין מיין געלייטערטער, געהייליקטער כונה
אַ פינצטערניש האָט זיך אריינגעריסן.

אַ פּגימה אין דעם קומענדן הארץ גומאכט.

און רעאַליזירנדיק אַז קיין פולקאָמע שאַפונג קען עס שוין ניט זיין, אַרט שוין ניט דעם מהר"ל די נייע אותות וואָס באַווייזן זיך און שרעקן אים. ער ווייס, אז דער גולם קען שוין ניט זיין, וואָס ער האָט גענדאַרפט זיין. עס קען נאָך זיין אַז זיין געשאַפענער גולם וועט גאָר אָננעמען אַנאַנדער פאָרמע, אָבער ס'איז דאָ אַ צוועק אין שאַפן, און דאָס איבעריקע, אויב עס מוז געשען, דאַן מוז עס — עס ווענדט זיך שוין ניט אָן דעם מהר"ל. ער נעמט צו דעם פעקל קליידער פון די פאַרצווייפלטע תלמידים און גייט זיך טובל זיין איידער ער וועט אַריינבלאָזן אַ רוח חיים אין דעם גולם.

דאָס איז די ערשטע סצענע. מיר ווערן צוגעגרייט צו די ווייטערע געשעענישן. עס זיינען שוין דאָ רמזים וועגן דעם גולם: צווייפל, אומרו און אויך זיין לעצטע ווידערשפעניקונג. איך האָב איבערגעגעבן ניט מער ווי דעם הויפט־געדאַנק און ספור המעשה. די זייטיקע געדאַנקען און בילדלאַך, וואָס האָבן ניט קיין שייכות צום הויפט־געדאַנק האָב איך אַריבערגעהיפּט. איך וועל דאָ אָבער ציטירן נאָר נאָך איין שטעלע, ווען די געשטאַלט פון טאַדעאוש — דער קירכן־קריסטנטום —

דערשיינט פארן מהר"ל. דער געשפּרעך גיט איבער דעם צוועק פון שאַפן דעם גולם.

טאַדעאוש:

„נאָר זע פון וואנען קומען צו דיר אַזוינע אויגן ?
רציחה שפּריצט פון זיי און שוואַרצע גבורה.
ווי קומט רציחה צו אַ רב ? איך האָב שוין אין מיין לעבן
אין תפיסות און שייטערס פון הייליקן געריכט
געזען אַזויפיל פּנימער פון אידן,
אַזוי פיל אויגן אַלערלייאיקע, און קיינמאָל נאָך
האָט ניט געמאַכט זיך מיר צו זען אַ אידנס אויגן
וואָס זאָלן טאָן אַ קוק אויף דיר מיט אַמתער
גזלנ'ישער רציחה, באַווייזן האַס, ווי דיינע אויגן.
זיי זעען אויס, ווי אויגן פון אַ ווילדן גולם."

און דער מהר"ל ענטפערט אים, אַז ס'איז טאַקע **אמת**, דעם אידן פעלט די אייגנשאַפט פון האַס און רציחה, און דערפאַר שאַפט ער איצט אַזאַ נפש, וואָס זאָל האָבן אין זיך רציחה און בייזן האַס, און

„ביז וואַנען ער וועט זוכה זיין צום לעבן,
אַ האַנט אַ הויב טאָן, אויפשטעלן אַ פוס,
טראָג איך דערווייל דעם קוק פון זיינע אויגן"...

די צווייטע סצענע קומט פאָר אין דעם מהר"לס חדר מיוחד. די סצענע איז די דראַמאַטישסטע, וואס איך האָב ווען עס איז געלעזן. די דראַמאַטישקייט איז ניט וואָס צוויי פאַר־שידענע כוחות קומען זיך צוזאַמען און אַ קאַמף איז אומפאַר־מיידלאַך. אין דער סצענע איז דאָ די דראַמאַטישקייט פון ווערן, פון שאַפן; די דראַמאַטישקייט פון אַ באַגינען, פון אַ זון־אויפגאַנג, פון רוישן פון וועלדער און וואַקסן פון אַ קינד.

דער מהר"ל ברענגט דעם גולם צו זיך אַהיים. דער גולם

איז איצט א פול־בלוטיקער, פול־אַנטוויקלטער מענטש בנוגע זיינע חושים, אָבער ער ווייס ניט ווען און ווי אזוי זיך באַנוצן מיט די חושים. ער קען גיין, ווייסט אָבער ניט ווען זיך אָפּ־צושטעלן, סיידן אפשר, אַז ער קומט צו אַ וואַנט אָדער אַ טיר, וואָס איז צו נידעריק פאַר זיין הויך. „אַז מען דאַרף זיך איינ־בייגן, ווייסט ער ניט"... און דער מהר"ל לערנט אים:

„ביסט הויך; זאָלסט וויסן אַלע מאָל — א הויכער,
וואָס וויל אריינגיין אין אַ נידעריקער טיר,
דאַרף איינבייגן דעם קאָפּ. דו זעסט?"

דער גולם קומט אריין אַן איינגעבויגענער און שטייט אַזוי. דאַרף אים ווייטער דער מהר"ל לערנען זיך אויסגלייכן. דער גולם איז אַ ריז, אַ ריז, וואָס איז פּלוצלונג, אָן וואַקסן רייף געוואָרען. ער ווייסט נאָך ניט, אַז עס זיינען דאָ שטערונגען און אָפּהאַלטן. טישן זיינען אים אין וועג, דאַרף מען זיי צע־ברעכן. בענקלאַך? דאַרף מען זיי אומוואַרפן. ווענט? דאַרף מען זיי פּרואוון איינוואַרפן, און דער מהר"ל דאַרף אים ווייטער לערנען פאַרבייגיין אַ באַנק, אַ טיש, און אַז „דורכ־גיין דורך אַ וואַנט קען קיינער ניט".

שטאַרק זיינען די שטעלן וואָס שילדערן די אומגעצאַמ־טע, אומגעלומפּערטע, שפּאַרענדע קראַפט וואָס זוכט אַן אויס־וועג, און נאָך שטאַרקער זיינען די שטעלן, וואָס שילדערן ווי דער מענטש מיט די ציטעריקע הענט צאַמט איין די ריזיקע קראַפט, וואָס האָט אויפגעוואַכט מיט אַזאַ אימפּעט און האַסט, און דערוועקט אין דעם מגושמדיקן גוף דאָס מענטשלאַכע.

דערווייל האָט דער טומל וואָס די ראַנגלענישן האָבן אָנגעמאַכט, אויפגעוועקט די גאַנצע הויז און עס קומען אַריין דעם מהר"לס פרוי און דבורהלע, זיין אייניקל. דבורהלע דער־וועקט אין גולם נאָך מער דאָס מענטשלאַכע. דער מהר"ל באַ־רואיקט אים ווי עס איז. הייסט ברענגען פאַרן גולם עסן. דער גולם עסט אָפּ און ווערט איינגעשלאָפן, און דער מהר"ל שטייט איבערן גולם און רעדט צו זיך:

„אזויפיל שטומער צער אויף זיין געזיכט.
(ער טוט א ציטער)
אָט דאָס איז מיין געטרוימטער מענטש?
מיין גבור? מיין שליח? ער? אזוינע הענט
אזוינע אקסלען, פיס — אזויפיל גוף!
אזויפיל שטומער צער?"

ספקות און ספקות און א דייטלאכער רמז אויף דעם קו־מענדן קאמף. אזויפיל גוף און אזויפיל שטומער צער — זייער א געפערלאכע קאמבינאציע. קען אזויפיל גוף מיט אזוי־פיל שטומען צער זיך צופרידן שטעלן נאָר מיט אויספאָלגן באַפעלן? עס איז דאָך אזוי נאטירלאך, אז אזא גוף מיט אזוי־פיל צער זאָל וועלן ווערן דער גאַנצער הערשער, דער גאַנצער גואל און אויף זיין אייגענעם אופן.

אין אָנהויב דער דריטער סצענע „דורך פינצטערניש", גיט איבער לייוויק דורך אַ רעאַליסטישן הינטערגרונט די שרעק און גרויל שטימונג אין וועלכער די קהלה פון פראג האָט זיך גע־פונען דאָן. ס'איז פאַר פסח — די אַלט־נייע שרעק פון בלוט־בלבול. די סצענע איז אויסערגעוויינטלאך אינטערעסאַנט צו־ליב דער סינטעזע פון ריינעם רעאַליזם און סימבאָלישן ראָ־מאַנטיזם, דער טאָן אין וועלכן די גאַנצע פאָעמע איז געשריבן.

דער אָנזאָג און וואָרנונג געגן דער קומענדער סכנה קריגט דער מהר"ל דורך אַ חלום. דבורהלע טרעפט אים טרייסלנדיק און שרייענדיק פון חלום: „פייער, בלוט, פינפער טורעם". זי וועקט אים אויף און דער מהר"ל שלאָפט איין ווידער. יאָסל, אזוי האָט דער מהר"ל אַ נאָמען געגעבן דעם גולם, — קומט אריין צום מהר"ל אין צימער. ער זעט דעם מהר"ל אנגעשפּאַרט אָן טיש דרעמלנדיק, מאַכט ער אים נאָך דער מהר"ל כאַפּט זי אויף און דערזעט יאָסלען אין דער גע־מאַכטער פּאָזע, בייזערט ער זיך אויף אים אָן און פאַרזאָגט אים, אַז ער זאָל אים ווייטער ניט נאָכמאַכן; אויך פרעגט ער

אים, צו וואס איז ער געקומען. דער גולם ענטפערט אים נאָ־איוו: „האָסט מיך גערופן". דער מהר"ל וואונדערט זיך. ווען? דער גולם ענטפערט: „די גאַנצע צייט". דער מהר"ל ווערט נאָך שטרענגער און הייסט אים גיין צוריק שפּאַלטן האָלץ און דער גולם באַקלאָגט זיך, אַז דער עולם רייצט זיך מיט אים און ער האָט זיי פיינט, אַלעמען האָט ער פיינט, אַפילו דעם מהר"ל אויך, ווייל

„כ'האָב מורא פאר דיין קוק, פאר יעדן וואָרט,
און שטענדיק דוכט זיך מיר, איך הער דיין קול.
וואו ביסטו? קום אהער. איך טו א זעץ
די האַק אין האָלץ און ענטפער: דאָ בין איך.
און אַלע נעמען לאַכן, איבערקרימען: דאָ בין איך".

און נאָך ערגער ווי זייער געלעכטער איז:

„אזוי ווי דו וואָלסט זיך באהאלטן הינטער זיי
און זיי גערייצט אויף מיר, זיי זאָלן שרייען: גולם!"

אין דעם גולם דערוועקט זיך דער ערשטער פּראָטעסט וואָס ער קען ניט זיין מער ווי אַן אויטאָמאָט און דאַרף ענטפערן: „אָט דאָ בין איך", ווען נאָר ער הערט זיין רבינס קול. אין האַס, דוכט זיך אים אַפילו, ווי זיין שעפער וואָלט זיך מיט אים גערייצט און אים גערופן גולם. ער באַרואיקט זיך נאָר אין דער געגנוואָרט פון מהר"ל. דאַן פילט ער אַלס אַ גאַנצער. ער וואָלט שטענדיק געוואָלט זיין מיטן רבין, און ער וואונדערט זיך און פרעגט טאָקע ווארום קענען זיי ניט זיין ביידע צוזאַמען? דער מהר"ל דערשרעקט זיך פאַרן גולמס פראַגע און פאַרלאַנג. ער זעט, אַז דער גוף, וועלכן ער האָט געשאַפן, פאָדערט זיין שעפערס דערנידעריקונג. ער צווייפלט אָבער, צי דעם גולמס פאָדערונג איז אַ באַוואוסטזיניקע. ער רעדט צו זיך:

„די גאַנצע צייט? פאַרנעמט ער דען אַליין די רייד
פון זיינע ליפּן. טענהט ווי אַ קינד אָן שכל,
נאָר עפּעס קוקט אַרויס אַ שרעק אַזאַ פון זיינע טענות".

דער מהר"ל באַרואיקט דעם גולם און רעדט צו אים און גיט אים אָנצוהערן, דאָס וואָס ער וועט אים שפּעטער קלאָרער דערקלערן — וועגן זיין מיסיאָן: „דו ביזט געקומען אַהער זיין אַליין". ער רעדט שוין איצט ניט צום גולם, ווי צו אַ קינד.

דער גולם גייט אַפּ און אין דעם מהר"ל דערוועקן זיך צווייפלען וועגן דעם אמתן געשטאַלט פון גולם, אָבער ער דערקלערט עס, אַז געוויס איז דאָ אַ מין אין זיין איצטיקן מאָדנעם געשטאַלט:

„איך האָב אַליין, ווייזט אויס, נאָך מורא פאַר זיין קוק.
פאַרשפּרייט האָסטו אויף אים דעם צער פון אונזין,
פון קאַלטער פרעמדקייט און אונהיימלאַכקייט.
און אַלע, און איך אויך, מיר זאָלן ניט דערזען נאָך
זיין אמת געשטאַלט".

זיכער איז די איצטיקע געשטאַלט פון גולם ניט מער ווי אַ מאַסקע, וואָרים די אמתע געשטאַלט פון גולם וועט זיך מוזן אַנטפּלעקן:

„ווייל ער איז דיינער"...

עס קומט אַריין ר' באַסעווי, אַן עלטערער איד, רייך אָנגעטאָן, זיך דורכצושמועסן מיטן רבין. דאָ גייט אוועק אַ דיאַלאָג צווישן ר' באַסעווי און מהר"ל וועגן דער אַנקומענדער סכנה. איינער טרייסט דעם אַנדערן, און זיי ריידן פונם אידישן שיקזאַל און גורל צווישן פעלקער. באַלד נאָך ר' באַסעווי קומט אַריין תנחום. תנחום קוקט אויס ווי אַן איבעריקער אין בוך. פון ערשטן בליק דוכט זיך, אַז תנחום גיט גאַר-

ניט צו צו דער האַנדלונג פון בוך און גאַנץ אָפט קומט נאָך אוים ווי ער שטערט די גאַנצקייט פון דער פּאָעמע. עס קען טאַקע זיין אַז דער בוך וואָלט פיל קלערער געווען אָן תנחומען. אָבער דערפאַר וואָלט אין בוך געפעלט אַן עלעמענט, דער עלע־מענט פון ריינעם קריסטנטום. טאַדעאוש איז די פאַרקער־פערונג פון קירכן קריסטנטום וואָס האַלט, אַז בלוט איז גאָר ליבשאַפט. ווי שטאַרקט טאַדעאוש דאס האַרץ פון דעם מאָנאָך זיין באַדינער:

„ווייל בלוט איז ליבשאַפט, בלוט פון קינדער,
ווייל ער איז אויך געווען א קינד און יעדער מעסער
פון דאַמאַלסט אָן געוואָרן איז געבענטשט".

תנחום אָבער זאָגט:

„ווער קען איינשטילן די בענקשאַפט פון דער וועלט?"
„איך —
ווייל מיין האַרץ איז פול מיט רחמים צו דער וועלט".

תנחומס קריסטנטום איז ניט דער קריסטנטום פון די, וואָס אַלע פסח שטעכן זיי אים — יעזוס'ן — ווידער דורך זיין לינקע אויג, שניידן ווידער אָפּ זיין רעכטע האַנט ביזן עלנ־בויגן. און אפילו צו זיי פילט ניט תנחום קיין האַס, ווייל

„מיין האַרץ איז פול מיט רחמים צו דער וועלט"...

תנחום גיט איבער דעם מהר"ל די נייס, אַז טאַדעאוש איז געווען אין פינפער טורעם און שרייט אוים מיט היץ:

„און ווער איז דאָ באַלעבאָס?
דער רבי, צי טאַדעאוש, הא?"

דער מהר"ל באַרואיקט אים, אַז ער ווייס שוין די נייעס

און אַלץ וועט זיין גוט. נאָך אַ לענגערן געשפּרעך מיטן מהר״ל פאַרלאָזן אים די געסט און ער בלייבט אַליין. די צייט פון מעשים איז געקומען. דער גולם וועט דאַרפן אָנהויבן אויספילן זיינע שליחות. וועט ער, דער גולם, קאָנען זיין דער גואל, דער רעטער? און ווי דער מהר״ל איז אַזוי פאַרטיפט אין זיינע מחשבות, דערהערן זיך קולות פון הויף: „וואו איז דער רבי? ווײַ איז צו אונז״! דבורהלע ווערט אַריינגעפירט אַ וויינענדיקע און דערשראָקענע. דער נייער מענטש, דער האַלץ-האַקער, האָט זי בפרהסיא אַ כאַפּ געטאָן צו זיך, געקושט זי. דער גולם קומט באַלד אַריין מיט זיין האַק. דער מהר״ל בלייבט אינגאַנצן אַ פאַרצווייפלטער — נאַ דיר דער נייער גואל... ער הויבט אָן טענהן צום גולם, און יעדער שטעל אין געשפּרעך ברענט ווי זודיק-געזאָטענע מענטשלאַכע בלוט. טענהט דער מהר״ל: איך האָב פאַר דיר אויסגעבעטן גבורה; דורך פּיין און טרערן האָב איך אויסגעבעטן פאַר דיר דו זאָלסט זיין מערער ווי אַ געוויינטלאַכער מענטש; דורך צער און ווייטיק האָב איך אויסגעפירט דיינע אַלע חושים זאָלן זיין פיינער און פאַרשאַרפטער ווי ביי יעדן. איך האָב דיך געבענטשט דו זאָלסט זען, וואָס קיינער זעט ניט. און דו?

„זאָל זיין אַז עס איז אויף דיר געפאַלן
די גאַנצע פינצטערניש און שרעק
פון אונזער אַלעמענס פאַרצווייפלונג —
נו, וואו איז אָבער דער געזאַנג,
אויף דיין געזיכט, דער גרויסער שיין
פון אונזער אַלעמענס בטחון?
וואָס שטומסטו? ענטפער. זעסט ניט?
אָט הויב איך אויף דיר מיין שטעקן.״

דער גולם כאַפּט זיך אויף ווי פון שלאָף. ער פאַרענטפערט זי: ער איז ניט שולדיק. די ערד האָט זיך גענומען וויגן אונטער אים. געגן זיין רצון האָט זיך דאָס חיהשע אין

אים דערוועקט. איצט אָבער האָט ער דערזען זיין שעפער, און ער בעט זיך:

„אָט זיי מיט מיר, אַניט פאַרטרייב מיך."

דער מהר"ל איז אים מוחל. ער הייסט זיך אים אויפשטעלן פון זיין קניען. די נאָענטקייט פון רבין האָט געווירקט אויפן גולם. ס'איז געקומען כמעט ווי אַ באַהעפטונג פון ביידן — שעפער און חומר. דער מהר"ל בענטשט אים. דער גולם הייבט אָן זען זאַכן. דער מהר"ל ברענגט צו אים מיט זיין ברכה דעם רואה ואינו נראה און הייסט אים גיין צום פינפער טורעם. דער גולם לויפט אַרויס האַסטיק מיט איין שפּרונג פון צימער. דער מהר"ל בלייבט שטיין אַן איבערראַשטער און פאַרגאַפטער. ער האָט געזיגט: דאָס איבערמענטשלאַכע, דער צוועק פון יצירת הגולם האָט זיך דערוועקט.

וועט אָבער דאָס איבערמענטשלאַכע זיך צופרידן שטעלן נאָר מיט שטומע שליחות?

אין דער פערטער סצענע פירט אוים דער גולם זיין ערשטע שליחות — ער באַשטראָפט טאַדעאושן.

דער גולם קומט אַריין אין פינפער טורעם, וואו די בעטלער האַלטן זיך אויף. די בעטלער ריידן צווישן זיך וועגן טאַדעאושם קומען. דער גולם איז אין אַן אַנדער צימער — גרייט פאַר זיין שליחות. עס קומט אַריין אויך תנחום. — (דער אמתר קריסטנטום איז שטענדיק מיט די פאַרפאָלגטע. טרייבט מען אַרוים די אידן, טרייבט מען אויך אַרוים דעם ריינעם קריסטנטום: תנחום ווערט שפּעטער אַרויסגעטריבן צוזאַמען מיט די איבעריקע בעטלער) — תנחום פּרעדיקט פאַר די בעטלער דעם ריינעם קריסטנטום. די בעטלער ענטפערן אים אפילו ניט — וואָס קען מען ענטפערן אַ משוגענעם? און קריסטנטום אין וועלכער ס'איז פאָרמע, קוקט אוים ביי אידן ווי משוגעת, איבערהויפּט ווען אַ איד פּרעדיקט עס. באַלד קומען אָן נאָך צוויי בעטלער: דער אַלטער בעטלער —

אליהו הנביא און דער יונגער בעטלער — משיח. דער יונגער בעטלער בינדט פאַנאַנדער זיינע וואונדן און לייגט זיך שלאָפן. אַלע באַוואונדערן אים — ער קוקט דאָך גאָר ניט אויס ווי אַ בעטלער.

דער יונגער בעטלער איז מיד און וויל רוען. דער אַלטער בעטלער וואכט איבער אים. מיט אמאָל, צו אלעמענס ער־שטוינונג, קומט דער מהר״ל אריין אין דער חורבה. ער גייט צו צו די פרעמדע בעטלער און בייזערט זיך:

„וואָס טוט איר דאָ?
ווער האָט נאָך אייך געשיקט?

אליין געקומען? אליין נאָר אייַלן?
פארנעמט שנעל די פעקלאך אייערע און גייט,
איך הייס.

דער אַלטער בעטלער הויבט זיך אָן בעטן ביים מהר״ל. עס העלפט אים אָבער ניט זיין געבעט. דער מהר״ל ווערט נאָך בייזער און הייבט אָן קלאַפּן מיטן שטעקן און דער גולם קומט אַריין... ווי די בעטלער דערזעען נאָר דעם גולם הייבן זיי אָן ציטערן און גייען שנעל אַפּ.

דער מהר״ל זאָגט אָן דעם דערשראָקענעם עולם אַז טאַ־דעאָוש קומט באַלד אין טורעם. עס ווערט אַ טומל און אַ גערויש. אין דעם טומל און דע סגערויש באַמערקט דער מהר״ל, אַז דער גולם וויל נאָכגיין דעם אַלטן בעטלער און דער מהר״ל זאָגט שטרענג צום גולם:

„זיי דאָ, איך הייס. זייער צייט
איז נאָך ניט געקומען. איצט איז דיין צייט״.

שטיל זאָגט אָן דער מהר״ל דעם גולם וואָס צו טאָן, און גייט אַפּ.

טאדעאוש קומט אריין און אין דעם געשפּרעך וואָס טאַדעאוש האָט מיט זיין באַדינער, דעם מאָנאַך, האָט לייוויק איבערגעגעבן די גאַנצע ניי־אַלטע קריסטלאַכע אַנשויאונג וועגן די אידן. די אידן זיינען רייך, זיי פאַלשעווען אַלעס. מען טאָר זיי קיין זאַך ניט געטרויען, אפילו די זאַכן וואָס מיר זעען מיט אונזערע אייגענע חושים, ווייל די אידן זיינען אויסער־געוויינלאַכע רמאים. די אַלע קאַליקע און לאָמע בעטלער זיינען ניט קיין קאַליקעס און ניט קיין בעטלער

— — — „גלויבן אים ניט
אפילו דו זאָלסט אַנטאַפּן דאָס האַלז.
אַזוינע קענען אָפּשניידן אַ פוס,
און האַלטן זי באַהאַלטן אין אַ טאָרבע,
און ווען מען בעדאַרף זי צושטעלן צוריק“.

און די קריסטן מוזן איינמאָל פאַר אַלעמאָל פּטור ווערן פון די אידן... זיי, די קריסטן, וועלן זיך ניט אָפּשטעלן פאַר קיין זאַך — זיי וועלן צינדן שייטערהויפנס מער און מער ביז וואַנען זיי וועלן אויסראָטן אָט די מכה — אידן. זיי מוזן פּטור ווערן פון דער צרה, ווייל זיי קענען ניט פאַרליידן די אידן מיט זייער פּאַסיוון ווידערשטאַנד. בעסער וואָלט געווען ווען עס קומט צו אַן אָפענעם קאַמף... זאָלן די אידן פּראָקלאַמירן: „יע, מיר טרינקען בלוט אויף פּסח און מיר וועלן טרינקען“... זאָלן זייערע אויגן זיך עפענען פול מיט האַס און זייערע הענט צונויפגעלעגט אין פויסטן און ניט גיין טאַנצנדיק צו שייטער־הויפנס. דאַן וואָלט געווען אַן אָפענער קאַמף און עס וואָלט ניט געשטערט די קריסטלאַכע רו. אָבער יעצט —

„אונזער האַרץ וויל רו און פרידן,
וויל אָפּרוען פון אייך, דערלייזן זיך פון אייך.
— — — איר שווייגט?
אָ, אייביק, אייביק זייט איר גרייט צו גיין,
טאָ גייט!“

די בעטלער מיט תנחומען ווערן ארויסגעטריבן און טאַ־דעאוש און דער מאָנאַך בלייבן אַליין אין דער חורבה. דער גולם קומט אַרויס און באַשטראָפט טאַדעאושן און דעם מאָנאַך. ער האַגלט קלעפּ אויף זייערע קעפּ און לאָזט זיי ניט אַרויס ביז וואַנען ער האָט דערפילט זיין שליחות.

דער גולם האָט אָפּגעטאָן זיינס און ער איז געבליבן ער־שעפּט. דער מהר״ל קומט אַריין און הייסט זיך לייגן שלאָפן און וואַרטן ביז דער צווייטער שליחות. דער גולם בעט זיך אַז ער וויל ניט בלייבן אַליין — די פיזישע מאַכט קען ניט געפינען קיין באַרעכטיקונג פאַר אירע גוואַלדטאַטן סיידן אַז זי שפּאַרט זיך אָן אויף מאָראַלישע ווערטן. דער מהר״ל באַ־פעלט אים אָבער ער זאָל זיך לייגן שלאָפן און וואַרטן — ס׳איז נויטיק. דער גולם ציט זיך אויס אויף דער ערד — שלאָפט האַלב איין און רופט מיט צער:

„וואו ביזטו, רבי? פינצטער, פינצטער״ — — — —

ס׳איז שווער צו זיין דעריעניקער וואָס דאַרף טראָגן די לאַסט פון פינצטערניש, און דורך דער קלענסטער געלעגנ־הייט וויל ער זיך באַפרייען און עם אָפּוואַרפן פון זיך. דער גולם וואָלט אפשר געבליבן שלאָפן און וואַרטן אויף זיין נעקסטער שליחות ווען דער מהר״ל זאָל ניט געווען אַרויסווייזן קיין אומצופרידנקייט מיטן גולם און אַ בענקעניש נאָכן אמתן משיח און אים, משחין, רופן, כאָטש ער, דער מהר״ל, ווייס, אַז די צייט פאַר דער אמתר גאולה איז נאָך ניט געקומען, און ווען דער אמתר גואל קומט אומגעבעטענערהייט דאַרף מען אים דורכטרייבן.

משיח איז אַוועק פון דער חורב אָבער ער בענקט צו זיין דער גואל און וויל קומען ווידער אין פראַג. משיח גאַרט אויסצולייזן די וועלט מער ווי די וועלט וויל אויסגעלייזט ווערן. ער פרואווט קומען צוריק אפילו ניט גערופן, וואָרים ווי קען ער צוזען אַז —

„פון דעם מאַן, וואָס טראָגט דעם צלם,
צו דעם בעטלער מיטן זאַק,
קומט דער אויסלייזער דער גולם,
מיט אַ פויסט און מיט אַ האַק."

יע, דער גולם איז יעצט דער אויסלייזער, און משיח קען אפילו ניט גיין מיטן קרבן צום טויט. דאָס ערגסטע נאָך איז וואָס —

„קיינער, קיינער איז ניט שולדיק
אַז מיר זיינען ניט גערולדיק
און געקומען פאַר דער צייט".

אָבער דאָס האַרץ בענקט און ציט צו בייזואוינען די רויטע נאַכט. אפשר, אפשר וועט ער אימיצן קענען העלפן.

דער מהר"ל איז אָבער מיט אַן אַנדער מיינונג: משיח איז ניט פּאַסיק פאַר אַ רויטער נאַכט... דער מהר"ל, אַן אומגע־דולדיקער און אַ בייזער, קומט הינטערן שטאָט, וואו משיח האַלט זיך אויף, און שרייט אוים:

„קיין איינציק רגע, זאָג איך דיר,
קיין איינציק רגע מער"...

ס'איז דען ווייניק באַפעלן משיחן איינמאָל, און דערציילן אים, אַז זיין צייט איז נאָך ניט געקומען? ס'איז יעצט נאָך ניט משיחס צייט. ס'איז אַ צייט, וואָס מען דאַרף צונויפקלאַ־מערן די פינגער אין אייזערנע פויסטן און שלאָגן מיט רציחה איבער די קעפּ. קען ער דאָס?

„ער קען ניט; און אויב ער וויל עס קענען —
וויל איך ניט; ער דאַרף זיין דער לעצטער,
און ווי וועט זיין צו אים, אויב ער וויל קומען
זיך איינשטעלן פאַר אונז מיט גוואַלד."

דעם מהר״לס קאָנצעפּציע וועגן דער גאולה איז די זעלבע, ווי די נביאימס פון ותחדאל הרשעה מן הארץ; פאַר צוגויפ־קלאַמערן די פינגער אין אייזערנע פויסטן דאַרף מען ניט קיין משיח, א — גולם יע. א גולם מעג באַגיין גוואַלדטאַטן. משיח אָבער דאַרף זיין אַנדערש: ער טאָר אפילו ניט זען די רויטע נאַכט. זאָל ער בעסער בלינד ווערן, טויב און שטום ווערן, ווי זיינע אויגן זאָלן זען די גרוילן פון דער רויטער נאַכט, און זיינע אויערן הערן די ילָלוֹת פון די הילפלאָזע, און זיין מויל נאָכזאָגן ודוי מיטן שטאַרבנדן...

משיח גיט זיך אונטער. ער ווייס, אז דער מהר״ל איז גע־רעכט. דער אידישער משיח איז ניט געשאַפן געוואָרן פאַר גוואַלדטאַטן. אָבער ער פאַרענטפערט זיך:

„מיר האָט זיך דורכגיין דורך דער וועלט געוואָלט.\
און אפשר, אפשר האָט זיך מיר געהאָפט\
דעם אָפּקלאַנג וועט איעדערער דערהערן.\
אָבער\
אַז איך בין אַליין געקומען,\
צי קען די וועלט דערפאַר זיין שולדיק?

אויפהערן דעם פעלקער און ברודער קריג?\
אַז איך בין גאָר אַליין געקומען״.

משיח מיט אליהון פאַרשווינדן אין דער נאַכט. דער מהר״ל בלייבט שטיין א פאַרבענקטער, א צעבראָכענער. ער אַליין האָט דורכגעטריבן משיחן. ער איז געווען בייז און האַרטנעקיק. אמת, ער האָט געמוזט האַרטנעקיק זיין — ס'איז דער וועלטס טובה. אָבער די אויגן, דאָס האַרץ ווערט דאָך צעריסן. ער בלייבט שטיין אין טיפן טרויער און די ליפּן שעפּטשן:

„ניט מיט כבוד\
ווי אים פּאַסט,\
אויפגענומען\
אונזער גאַסט.

„ניט זען מער
זיין געשטאַלט,
ניט פאַר יונג
און ניט פאַר אַלט.

אַ, אַ,
זיי זיינען שוין ניטאָ...״

דער „אַ, אַ, זיי זיינען שוין ניטאָ״ קלינגט אָפּ אין די אויערן פון דעם שלאָפנדן גולם. עס ערוואַכט אים. עס עקלט אים, דעם גולם זעלבסט, פון זיינע פאַרגלעזערטע אויגן און פון זיין שטום לשון. ס׳איז ניט מער, ער מוז זיין אַ פאַרזונקענער אין שלאָף, אָבער זיין רגע איז געקומען. דער אויסגעשריי: „ניטאָ, ניטאָ, ניטאָ״ האָט אים אויפגעוועקט. דער משיח איז ניטאָ, וואָרום זאָל ער אַליין ניט ווערן דער סוד פון ליכטיקייט? אפשר טאַקע ניט אויף אַלע מאָל, איז כאָטש אויף איצט, און נאָכגיין די טריט פון די פאַריאָגטע בעטלער. אין דעם מאָמענט קומט צו אים צו הילף דער רואה ואינו נראה, דער וואָס האָט געדאַרפט זיין ניט מער ווי א סבה פאַר א צוועק, דער כח הדוחף — ווערט דאָס זעלבסטשטענדיקייט אין גולם. דער גולם וויל ווערן דער גואל, אָבער אפילו נאָכ־דעם ווי ער רעוואָלטירט, קומט צו אים דער געדאַנק, פון ווערן אַ גואל, שטופנווייז. ער פילט אז ער קען ניט ווערן דער משיח, ווייל די וועלט וואַרט ניט אויף אים. די וועלט וואַרט און רופט און גלוסט נאָכן יונגן בעטלער. לויפט טאַקע דער גולם אומקערן דעם יונגן בעטלער צו דער גאַרנדער וועלט. ערשט נאָכדעם, ווען ער קומט צוריק אָן דעם יונגן בעטלער ווערט ער שוין פרעטענציעז. ער זאָגט שוין אויף זיך:

„דער איינציקער וואָס קען ראַטעווען — בין איך —
בין איך״.

אָבער וויפיל דער גולם זאָל ניט זיין אַמביציעז און פרע־

טענציעז, קען ער פאַרט ניט ווערן דער משיח. משיח איז א געבאָרענער, ניט קיין געוואָרענער... משיח דאַרף זיין אויך דער יעניגער, וואס קומט צו אַ וועלט, וואס בענקט נאָך אים. אָבער ווער בענקט נאָכ'ן גולם? ווער האָט אפילו געהייסן דעם גולם זיך יאָגן נאָכן משיח? און אַז ער גייט אָן קיינעמס רשות, פרעגט אים קיינער ניט וואו ער איז געווען. ווי טענהט דער גולם:

„וואָס פרעגט איר ניט
פון וואַנען קום איך?

האָט מיך עמיץ
דען געהייסן
גיין זיך יאָגן נאָך דעם שאָטן
פון די צוויי?
קיינער, קיינער, קיינער.
אַז מען האָט נאָך הילף גערופן,
האָט מען דען
צו מיר גערופן?
האָט מען דען אויף מיר געהאָפט?"

שווער איז פאַר אַ גולם ווערן א משיח, נאָך שווערער אויב דער גולם צווייפלט נאָך אין זיך. ער מוז איינשלאָפן צוריק נאָך אַלע ראַנגלעניש מיט זיך זעלבסט, און נאָך אַלע פרעטענזיעס.

צוויי טעג שפּעטער קומט דער מהר"ל אין דער חורבה. ער דערווייסט דעם גולם אין דער זעלבער פּאָזע ווי ער האָט אים געלאָזן. ער וועקט אים אויף. דער גולם כאַפּט זיך אויף און פרעגט פאַרוואונדערט: „וואו בין איך, רבי?" דער מהר"ל ענטפערט אים: „אין פינפער טורעם". דער גולם דערציילט אים, אַז עס האָט זיך אים געחלומט אַז ער, דער גולם איז גאַר ערגעץ אנדערש — הינטערן שטאָט, און זעט דעם מהר"ל. דער מהר"ל איז א צעבלוטיקטער און בעט זיך

אַז ער, דער גולם — יאָסל — זאָל אים אויסלייזן פון די שניטן וואָס ער טראָגט שוין אויפן פּנים, שוין פון טויזנטער יאָרן. די מענטשן, זעענדיק ווי דער מהר״ל בעט זיך ביים גולם, זיינען זיי באַפאַלן דעם גולם, געוואָרפן צו דער ערד, און דער יונגער בעטלער, מיט די צעביילטע, ווייטיקדיקע פיס, האָט אים געטראָטן. דער גולם האָט זיך געוואָלט ארויפשליידערן אויפן בעטלער האָט אים דער מהר״ל געגעבן אַ האַק מיטן שטעקן איבערן קאָפּ און אויסגעשריען:

„צי ווייסטו וועמען דו ווילסט שלאָגן, גולם?

און דאָ איז אים, דעם גולם, א פינסטערניש באפאלן און די מענטשן האָבן אים אין גרוב אריינגעוואָרפן און גענומען פארשיטן מיט ערד. דער מהר״ל האָט ניט געלאָזן אפילו אים באַוויינען.

דער גולם זעט זיך דאָ אין זיין אמתער געשטאַלט, ניט מער ווי אן אַטאַמאַטאַן. און דער מהר״ל זעט דעם גרויסן צער און פּיין וואס דער אטאמאטאן האָט — ער טרוימט און חלומט ווי א מענש. ער טרייסט אים און גרייט אים צו פאר דער נעקסטער שליחות, די הויפּט שליחות צוליב וועלכער דער גולם איז געשאפן געווארן.

דער מהר״ל ברענגט דעם גולם אין הייל. די הייל איז לאַנג און פינצטער. דאָרטן, אין הייל, האָט טאַדעאוש באַהאַלטן פלאַשן בלוט און אַ הרוג אין אַ זאַק. די הייל איז אונטער דעם פינפער טורעם און פירט צו טאדעאושס הויז, אדער קלויסטער, און אויך צו דער פּראגער שול. אין אָט דער הייל ברענגט דער מהר״ל דעם גולם אָפּראַמען די שפּורן פון הרוג, געפינען די פלאַשן בלוט און פאַרניכטן די, וואָס וועלן זיך שטעלן אנטקעגן.

דער מהר״ל האָט ניט קיין שליטה צו גיין אין הייל ווי ווייט ער וויל, ניט-גוטע כוחות דערלאָזן ניט. ער מוז פאַרלאָזן דעם גולם, און דער גולם הויבט אָן זיין אַלטע טענה:

„אָ, אַלעמאָל ווי נאָר

דו קומסט צו מיר, פאַרלאָזטו מיך די רגע".

דער גולם וויל האָבן דעם מהר"ל נעבן זיך. זיי ביידע האָבן ניט וואָס מורא צו האָבן, ווייל די נאָענטקייט פונם רבין וועט דעם גולם מאַכן אומבאַזיגבאַר און אומשרעקבאַר. דער מהר"ל אָבער מאַכט אים קלאָר, אַז דער גולם מוז בלייבן אַליין, ער האָט זיך ניט וואָס צו שרעקן, ווייל ער איז אַ שליח, און אַ שליח מוז אויספירן זיינע שליחות — ער איז געצוואונגען צו דעם, ער איז דערפאַר געשאַפן געוואָרען. דער גולם אָבער בעט זיך אַלץ מער, און דער מהר"ל ענטפערט אים דאָס זעלבע. ער טרייסט אים אָבער און גיט אים צו מוט: ס'איז אַ זכיה צו זיין אַ שליח צבור. ס'איז אַ פּריווילעגיע צו זיין אַזאַ, וואָס דער גאַנצער לעבן איז נאָר איין דערוואַרטונג אויף יענער רגע ווען ער איז נויטיק.

דער גולם גיט זיך אונטער. ער בלייבט אַליין. באַלד נאָר ווי ער בלייבט אַליין באַפאַלן אים אומזעבאַרע כוחות. ער באַזיגט אָבער אַלץ. דערנאָך באַפאַלט אים אַ פייער. דער פייער פאַרברענטש זיינע קליידער אָבער דער גולם זעלבסט בלייבט אומבאַשעדיקט. דער גולם ווערט ניט באַזיגט דורך אויסערלאַכע כוחות. אַ שטאַרקערער שונא באַפאלט אים — זיין אייגענע שוואכקייט — זיין ניט גלויבן — שרעק, און ער הויבט אָן רופן:

„וואו ביזטו, רבי? וואו ביזטו? קום אהער".

שרעק באַווייזט זיך פאַר אים. די שרעק מאַכט אים אָפּהענגיק און נידערשלאָגן.

ס'איז געוועזן נאַטירלאַך, אַז די שרעקן זאָלן ארויסקומען פון זייערע באַהעלטענישן און אים „אַרומרינגלען און האלדזן", ווייל דער גולם איז ניט קיין משיח, וואס שטייט העכער פון שרעק צוליב זיין באַוואוסטזיין, ער איז אויך ניט קיין אָטאַמאַטאַן, וואס קען ניט וויסן וואס שרעק איז. ער איז מערער

מענטשלאַך. ער האָט די ספקות און פּרעטענזיעס פון אַ מענטשן, און זיינע ספקות און פּרעטענזיעס דערוועקן די שרעקן. ווי זינגען די הייל רוחות?

„ער אליין האָט אונז דערוועקט,
פון דער שוואַרצקייט אויפגעדעקט".

וואָלט נאָך דער גולם געהאַט אמתע אמונה אין זיין שעפער, וואָלט ער אפשר מיט זיין אמונה בייגעקומען די שרעק. אָבער אין זיין אונטער-באַוואוסטזיין האָט ער דעם מהר"ל געהאַלטן ניט מער ווי אַ בייזן, שטרענגן רבי, וואָס מען מוז פאָלגן. פאָלגן אָבער גלויבן? און ווען דער גולם נעמט זיך אָן מיט מוט און שרייט אויס:

„איך בין געשיקט צו גיין
און ניט צו שטיין אין מיטן" —

און דער משוגענער טאַנץ ווערט צעריסן. דאַן באַווייזט זיך די געשטאַלט פון מהר"ל, אַ בייזער, אַ שלעכטער — דער גולם-קאָנצעפּציע פון מהר"ל, און הייסט אים איינשלאָפן. דער גולם פּראָטעסטירט פון אָנפאַנג, אַז עס איז ניט דער רבי, אָבער ווי ער דערזעט דעם שטעקן פאָלגט ער... די הייל רוחות טאַנצן ווידער זייער משוגענעם טאַנץ.

דער גולם וואָלט אַזוי געבליבן ליגן ווען ניט דער אינו נראה — זיין אייגענער איך. ער באַווייזט זיך פאַר אים און בעט זיך:

„איינמאָל פאַר אַלע מאָל דערזע מיך".

דער גולם דערשרעקט זיך פאַר זיך זעלבסט און וויל אנטלויפן, אָבער דער רואה ואינו נראה זאָגט אים גאַנץ רואיק: „לויף ניט, וואוהין דו זאָלסט ניט גיין וועל איך דיר נאָכגיין; מען קען פון זיך זעלבסט ניט אַנטלויפן. די דאַכסט וועגן

די שליחות? נאַרישקייטן: אויב דו ביזט דער שליח — אויב אין דעם צירקל פון געשעענישן מוזטו אריינגיין אַלס שליח — וועסטו די שליחות אויספירן און אַן קאַמף, און אפשר געגן דיין אייגענעם ווילן אויך... דו וועסט ניט פאַרשפעטיקן. אפשר פאַר זיך קענסטו עפּעס פאַרשפעטיקן אָבער פאַר זיי וועסטו קיינמאָל ניט פאַרשפעטיקן. דו זעסט ווי אמת איך רייד? דו האָסט געקעמפט, געזוכט די פלאַשן בלוט. אַט שטייען זיי דאָך נעבן דיר. שטרעק אוים די האַנט און נעם זיי."

דער אינו נראה פאַרשווינדט אָבער וויבאַלד, אַז די שליחות איז ניט מער ווי אַן אומזין, ווארום ניט דערפירן דעמזועלבן לאָגישן אַרגומענט אויף אַלעם? דער יונגער בעטלער, דער מאַן מיטן צלם, דער גולם — דאָס אַלץ איז ניט מער ווי אַ שפּיל. ס'איז אַ שפּיל איבערהויפּט ווען מען פאַרגלייכט מיטן טויט. עס ערשיינען די אונטערערדיקע מיט ליכט — דעם מענטשנס לעבן — אין די הענט. די אונטערערדיקע פאַר־שטייען אַלעס. זיי ברענגען צוזאַמען דעם יונגן בעטלער אין די קייטן, וואס דאַרף ברענגען גערעכטיקייט אויף דער וועלט דורך פרידן; דעם גולט מיט דער האַק, וואס דאַרף זיין דער רעטער דורך מאַכט; און דעם מאַן מיטן צלם, וואָס האָט גע־וואָלט ברענגען גערעכטיקייט אויף דער וועלט דורךליידן. אַלע דריי זיינען איינס און:

„ליגט דער צלם אויפן האַק
און די קייטן אויפן זאַק".

ליגט דער צלם, דער סמל פון ליידן און פאַרגיבונג, אויף דער האַק — דער סמל פון מאַכט און גוואַלד; און די קייטן, דער סמל פון ותחדאַל הרשעה מן הארץ, אויפן זאַק — אין וועלכן עס ליגן די פלאַשן בלוט — רציחות. יע, אַלץ איז נאַ־רישקייטן. זיי אַלע ווילן ברענגען די ישועה אויף זייער איי־גענעם אופן. ס'איז ניט מער ווי

„נאָר אַן אויסרייד, נאָר אַ שפּאַס,
פאַר דעם לעצטן נאַר פון גאַס".

זייערע אַלע קאַמפן זיינען ניט מער ווי מאַטעריאַל פאַרן זינגען דאָס ליד פון אומזין. און די אומערדיקע טאַנצן זייער טאַנץ און זינגען דאָס ליד פון אומזין.

די אונטערדריקטע זינגען אָפּ זייער ליד און פאַרשווינדן, די ליכט אין זייערע הענט גייען אויס. דער גולם בלייבט אליין אין אַ האַלב מטושטשדיקן צושטאַנד. דער מהר"ל קומט אַריין. מיט גרויס שווערקייטן וועקט אויף דער מהר"ל דעם גולם. דער גולם כאַפּט זיך אויף און פאַלט צו צום מהר"ל מיט אַ פרייד-געשריי:

„אָ רבי, רבי דו ביסט דאָ? אָ, רבי מיינער!"

אין דער אַכטער סצענע — די לעצטע סצענע — גייט אי־בער לייוויק דעם קאַמף פון גולם מיטן מהר"ל. דער גולם האָט געוואָלט אַראָפּשלעפּן דעם מהר"ל צו זיין מדרגה און דער מהר"ל איז געווען געצוואונגען טויטן דעם גולם.

כל זמן דער גולם איז געווען אין פינפער טורעם, האָט ער געהאַט קאַמפן, שטרייטיקייטן מיט זיך זעלבסט און אַנ־דערע. ער האָט געטרוימט, געחלומט, געצווייפלט. ס'איז געווען אַ לעבן אַ פולער, אַ טעטיקער. יעצט אָבער איז די שליחות אָפּגעטאָן. וואָס זאָל ער יעצט טאָן? בלייבן אַ פּשוטער איד, אַ האָלץ העקער, אַ משרת, ווי דער מהר"ל וויל, און זיך צופּאַסן צו די אומשטענדן און ווערן ווי אַלע פּראָסטע אידן? ס'איז דאָך אוממעגלאַך. אַ בענקעניש און אומרואיקייט איז אים געבליבן אין הארצן.

די בענקעניש און אומרואיקייט לאָזן דעם גולם ניט שלאָפן. ער איז אויף נעכט און איז שטענדיק צערייצט.

ס'איז פרייטיק צו נאַכט. דער ערשטער פרייטיק צו־נאַכט נאָכן גרויסן נס. די גאַנצע שטאָט איז איינגעהילט אין פרייד און דער גולם זיצט אַ פאַרצאַרנטער אין פּאַליש פון שול. ער איז אָפּגעלאָזן אין זיין קליידונג און האַלטונג. זיצט

אין איין שוך און האלט זיך אין איין בייזערן אויף אַלעמען. די מענטשן הויבן אָן זיך צוזאַמענקומען אין שול און דער גולם פאָדערט מען זאָל צו אים רופן דעם מהר"ל. אלע שפּאַסן פון אים, אָבער זיין פאָדערונג ווערט דראָענד, און דער שמש לויפט רופן דעם מהר"ל. דער מהר"ל קומט און שיקט אַרויס אַלע אידן פון פאַליש און בלייבט מיט'ן גולם אויג אויף אויג. דער גולם דערפרייט זיך ווי אַ קינד ווען ער דערזעט דעם רבין נעבן זיך. דער מהר"ל טענהט מיט אים איין ער זאָל איינ־מאָל פאר אַלעמאָל זען ווערן ווי אַלע. דער גולם זאָגט, אז ער קען ניט און בעט זיך ער זאָל אים שיקן צוריק אין פינפּער טורעם. דער מהר"ל זאָגט אַז דאָס איז אוממעגלאך. דאַן בעט דער גולם אז דער מהר"ל זאָל דאָ מיט אים בלייבן, וועט די אומרואיקייט פון אים אַוועק. דער מהר"ל אַנטזאָגט זיך. דער גולם גייט דאַן אריבער צו סטראַשען און באַפעלן. דער מהר"ל ווערט בייז:

„מהר"ל: אזוי גאָר, דו באַפעלסט?

גולם: איך באַפעל.

מהר"ל: מיט דיינע ליפּן רעדסטו דאָס?

גולם: מיט מיינע.

מהר"ל: אַזוי, מיט דיינע

גולם: מיט מיינע, יע. דו זעסט די האַנט — די האַנט איז אויכט מיינע.

פאַרמעסט זיך מיטן פויסט איבער'ן מהר"לס קאָפּ. דער מהר"ל פאַרלירט זיך ניט און בלייבט שטיין רואיק. דער גולם בלייבט שטיין ווי פאַרגליווערט און דער מהר"ל גייט אריין אין שול.

פון שול הערט זיך דער געזאַנג פון מזמור שיר ליום השבת".

דער עולם פרייט זיך מיטן גרויסן נס, און דאָ איז פּאַליש זיצט דער גולם א פאַרצווייפלטער און א פאַרביטערטער. ער וואַרפט זיך צום דיל, רייסט פון זיך די קליידער און קאַן קיין אָרט ניט געפינען. מיט אַמאָל פאַרטראַכט ער עפּעס שרעק־

לאכעס. ער כאפט די האַק און לויפט ארויס אין גאס. באלד הערן זיך פון גאס געשרייען:

— דער משרת! דער גולם... מיט א האַק.

— שוין צווייען איבערן קאָפּ געטראָפן.

— ער מאַכט חרוב פּראג.

—ער שליידערט הייזער.

מהר״ל לויפט ארויס און ברענגט באלד דעם גולם מיט דער פארבלוטיקטער האַק. דער מהר״ל צעטרייבט די אידן און בלייבט אליין מיט יאָסלען. דער מהר״ל צווייפלט נאָך אלץ, צי דער גולם האָט עס געטאָן באוואוסטזיניק און אויסגערעכנט, און ער פרעגט אים צי ער ווייס וועמעס בלוט ער האָט פאר־גאָסן. דער גולם ענטפערט רואיק: „אידיש בלוט". דער מהר״ל פאלט אריין אין א פארצווייפלונג. ער איז אבער מצדיק הדין. ס'איז אפשר א שטראָף.

„וואָס איך האָב אין מיין אומגעדולד און אין מיין פארצווייפלונג
„געוואָלט זיך אָפּקערן פון יענע וועגן פון דיין פאָלק,
וואָס זיינען שטיל געדולדיק, פול בטחון, אייביק?"

ער ווענדט זיך צום גולם מיט כעס, איינבויגנדיק די קאָפּ: נו, שפּאָלט, באַנוץ זיך אויך מיט בלוט, און דער גולם ענטפערט שטיל מיט א געבעט: רבי! דער מהר״ל קרימט אים נאָך און רופט אים צום ערשטן מאָל „גולם", און פרעגט אים, וואָס וועט איצטער זיין? דער גולם ענטפערט אים קלאָר, אז ער, דער מהר״ל זאָל מיט אים דאָ פארבלייבן און אז ניט — — — וועל איך טאָן דאָסזעלבע. דער מהר״ל בלייבט אָפּהענטיק, פארלירט זיין קראפט; בלייבט אָפּאַטיש און לאָזט זיך אראָפּ — בלייבט זיצן — זיך אונטערגעגעבן. דער גולם איז פול מיט פרייד. דער רבי וועט בלייבן מיט אים.

דער מהר״ל וואָלט אפשר טאקע געבליבן מיטן גולם ווען דבורהלע קומט ניט אריין אין פּאָליש נאָכן מהר״ל. דער גולם דערפרייט זיך, צאַפּלט זיך ווען ער דערזעט דבורהלען: זי וועט דאָך אויך בלייבן. ער כאפט דבורהלען אין זיינע ארעמס און דבורהלעס געוויין וועקט אויף דעם מהר״ל. ער שטעלט זיך

אויף, הייסט איר, מיט גרויס זיכערקייט, אריינגיין אין שול און זאָגן דעם עולם, אז ער קומט באלד אריין. דבורהלע גייט אָפּ. דער מהר"ל ווענדט זיך צום גולם זיך גרייטן אפּפּערטיקן זיין שליחות. דער מהר"ל זאָגט אים די לעצטע שליחות. ער הייסט אים זיך אויסציען אויפן דיל, פאַרמאַכן די אויגן, אויס-ציען די הענט און פיס — — — און דער מהר"ל נעמט ביי אים צו די נשמה.

דער שמש קומט אריין. דער מהר"ל באפעלט אים בא-וואָרענען דעם טויטן און קיינעם ניט צולאָזן ביז מוצאי שבת.

„און איצט רוף אוים צו זאָגן נאָכאַמאָל
פון אָנהויב „מזמור שיר ליום השבת".

דאָס איז דער אינהאַלט פון „גולם". אנדערע וועלן געוויס לעזן און איבערגעבן אַן אַנדער אינהאַלט. אָבער ווי איך האָב פריער געזאָגט, די אויסטייטשונגען פון „גולם" קאָנען זיין פאַרשידן. וואָריו פילע שטעלן אין בוך זיינען אומפאַרשטענד-לאַך און ווידערשפּרעכיק. און יעדער וועט עס אויסטייטשן נאָך זיין אייגענעם פשט. אָט, למשל, האָב איך איבערגעהיפּט דעם לעצטן פּאַראַגראַף, ווען דער אינו נראה קומט צום טויטן קערפּער און האַלט זיין מאָנאָלאָג. ווען מען זאָל אָננעמען דעם אינו נראהס אומקלאָרע רייד אלס דעם שלום, וואָלט עס איבער-געביטן דעם גאַנצן זיך פון בוך, און די איבעריקע סצענעס וואָלטן ניט געווען איינהייטלאַך. אבער מען דאַרף דעם קליינעם מאָנאָלאָג פאַרגעסן, און דער געזאַנג פון „מזמור שיר ליום השבת" וועט בלייבן אין די אויערן און דער געשטאַלט פון טויטן קערפּער פון גולם פאַר די אויגן. בילדער, שטימונגען פון אַלטע וועלטן וועלן זיך ביי אייך דערוועקן. לאַנג וועט איר בלייבן זיצן מיטן בוך אין האַנט, פאַרטראַכט און פאַרטרוימט, און גאַנץ אָפּט וועט איר צוגיין צו אייער ביכער-שראַנק אַרויס-נעמען דעם בוך, דורכבלעטערן, איבערקוקן ווידער און ווידער דעם גרעסטן טייל פון בוך.

ניו־יאָרק, אָקטאָבער־נאָוועמבער, 1922.